# HIV אין NYC 2023

**ניו יארק סיטי** איבערזיכט דאטא ווערט גענוצט צו פלאנירן און איינפירן HIV פארמיידונג, טעסטינג, קעיר, און באהאנדלונג איניציאטיוון צו פארבעסערן די געזונטהייט פון ניו יארקער. דאטא פון 2023 ווייזט אז געוויסע קאמיוניטיס טוען ווייטער אפעקטירט ווערן פון HIV אויף אן אומ'יושר'דיגע פארנעם, און אנגייענדע סיסטעמאטישע אומ'יושר'דיגקייטן טוען ווייטער באגרעניצן צוטריט צו קעיר און ריסאורסעס, און האלטן אפ מענטשן פון פירן אן אנגעפולטע, געזונטע לעבנסשטייגער.

## **1,686** מענטשן זענען דיאגנאזירט געווארן צום ערשטן מאל מיט HIV אין NYC אין 2023 — א הערכורונג פון **7.6%** פון 2022.

פראפארציע פון מענטשן דיאגנאזירט מיט HIV צום ערשטן מאל

פראפארציע פון NYC באפעלקערונג



**83%** פון מענטשן דיאגנאזירט צום ערשטן מאל מיט **HIV** זענען **שווארץ** אדער **לאטינא**,[1] אבער די גרופעס האבן נאר אויסגעמאכט **51%** פון **NYC'ס באפעלקערונג.**

### צווישן מענטשן דיאגנאזירט מיט HIV צום ערשטן מאל:

**79%** זענען געווען מענער

**18%** זענען געווען פרויען

**3%** זענען געווען טראנס-דזשענדער פרויען

**1%** זענען געווען טראנס-דזשענדער מענער און ווייניגער

**68%** זענען אין די עלטער פון **20 ביז** 39 יאר

| | |
|---|---|
| 0 ביז 12 | קיין שום פרישע HIV דיאגנאזירונגען |
| 13 ביז 19 | 2% |
| **20 ביז 29** | 34% |
| **30 ביז 39** | 34% |
| 40 ביז 49 | 16% |
| 50 ביז 59 | 9% |
| 60+ | 6% |



**97%** האבן זייער מעגליך באקומען HIV דורך געשלעכטליכע באציאונגען[2]



**69%** זענען געווען **מענער וועלכע האבן געהאט געשלעכטליכע באציאונגען מיט מענער** [2]

## א געשאצטע **88,700** מענטשן מיט HIV האבן געוואוינט אין NYC אין 2023.

### פון יעדע 100 מענטשן מיט HIV אין NYC:

- **95** זענען געווען דיאגנאזירט
- **88** האבן באקומען HIV מעדיצינישע באהאנדלונג
- **82** זענען פארשריבן געווארן HIV באהאנדלונג מעדיצינען
- **80** זענען געווען ווירוליש סופרעסט

### **ווירעל אונטערדרוקונג**[3] צווישן מענטשן מיט **HIV** איז געווען אנדערש געוואנדן אין ראסע און **עטנישקייט**.[1]

| | |
|---|---|
| שווארץ | 77% |
| לאטינא | 81% |
| ווייס | 88% |
| אזיאן אדער פון פאסיפיק אייל־ענדער | 83% |
| נעיטיוו אמעריקאנער | 79% |
| אויסגעמישט | 72% |

## אינפארמאציע און ריסאורסעס איבער HIV טעסטינג, באהאנדלונג, און פארמיידונג זענען פאראן אין NYC.

### טעסטינג

איר קענט טרעפן ביליגע אדער אומזיסטע HIV טעסטינג נאנט צו אייך דורך:

- באזוכן א NYC געשלעכטליכע געזונטהייט קליניק, וואו יעדער פון 12 יאר און העכער קען באקומען א געהיימע, אנאנימע טעסט: **nyc.gov/health/sexualhealthclinics**
- נאכקוקן די NYC Health מאפע: **nyc.gov/health/map**
- שיקן א טעקסט מיט די ווארט "TESTNYC" צו 55676
- רופן **311**

פאר הילף מיט מעלדן פאר א פארטנער, רופט **311**.

### באהאנדלונג

מעדעצינען צו באהאנדלען HIV זענען פארזיכערט און ווירקזאם ווי קיינמאל בעפאר.

- אוממעגליך איפצוכאפן = אוממעגליך אריבערצופירן (Undetectable = Untransmittable, U =U): מענטשן מיט HIV וועלכע האלטן אינמיטן באהאנדלונג און האלטן אן אומשפירבארע ווירעל לאוד פאר כאטש אריבערגיין זעקס חדשים קענען נישט אריבערפירן HIV דורך געשלעכטליכע באציאונג.

### פארמיידונג

אין צוגאב צו קאנדאמס און אנדערע אפהאלטונגס מיטלען, זענען פאראן זיכערע און ווירקזאמע מעדיצינען צו פארמיידן HIV.

- באהאנדלונג פאר'ן ווערן אויסגעשטעלט (pre-exposure prophylaxis, PrEP) פארמיידט HIV פון פאראוס.
- באהאנדלונג נאכ'ן ווערן אויסגעשטעלט (post-exposure prophylaxis, PEP) איז אן עמערדזשענסי מעדיצין וואס קען פארמיידן HIV פרישע אינפעקציע אויב עס ווערט גענומען גלייך נאכ'ן ווערן אויסגעשטעלט.

**באמערקונג:** דאטא באריכטעט פאר די NYC געזונטהייט אפטיילונג ביז מערץ 31, 2024. פאר אינפארמאציע איבער דאטא און ווערטער מיינונגען, און צו ליינען די פולע 2023 באריכט, באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט פאר **"hiv in nyc"** (hiv אין nyc).
[1] ראסע קאטעגאריעס נעמען נישט אריין לאטינא עטנישקייט; מענטשן מיט די לאטינא עטנישקייט זענען צאמגעשטעלט אין די לאטינא קאטעגאריע אפגעזעהן זייער ראסע קלאסיפיקאציע. [2] פראצענט נעמט נישט אריין מענטשן מיט אומבאקאנטע אריבערפירונג אינפארמאציע (n = 487). [3] מענטשן וועלכע האבן געהאט אן אומשפירבארע ווירעל לאוד אין זייער לעצטע טעסט אין 2023.

פאר מער אינפארמאציע און ריסאורסעס איבער HIV אין ניו יארק סיטי, סקענט די QR קאוד אדער באזוכט **nyc.gov/health/hiv**.
פאר מער אינפארמאציע און ריסאורסעס איבער STI'ס, באזוכט **nyc.gov/health/sti**.

1.25 Yiddish

NYC Health